493436

CENZURAT.

BINEVESTITORUL

# המבשר

א בלאט וועגען רעליגיאן און מאראל.

„מה נאוו על ההרים רגלי מבשר משמיע שלום, מבשר טוב ומשמיע ישועה...
(ישעיה נ״ב 7).

„ווי ליבליך זענען אויף די בערג, די פיס פון די מבשרים, וואס גיבן צו הערן וועגן שלום, פרעדיגן גוטעס גיבן צו הערן די ישועה...״
(ישעיה נ״ב 7).

לכו אל-כל-העולם וקראו את הבשורה לכל-הבריאה...
(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

„געהט אין דער גאנצער וועלט אין זאגט די בשורה אללע קרעאטור...״
(ברית החדשה: מרק ט״ז 16).

No. 9—10. 1928. קישינעוו.

## אינהאלט:

1. פתח דבריך יאיר.
2. טייער ווארט פון גואל (שיר)
3. די רייזע...
4. דאסלעבן אין «בית-אל»

## פתח דבריך יאיר.

(פון ענגליש).

איין פריהמארגען איז א יונגער מאן ארויס־געגאנגען פון א קלייט, טראגענדיג א פאקעטעל, וועלכעס דער קרעמער האט איינגעוויקעלט אין א בלעטעל פון דער ביבעל. אלס א איד, וועל־כער האט קיינמאל ניט געזעהען קיין ברית חדשה, האט דער יונגער מאן ניט דערקענט דאס בלעטעל. זיין אויג האט אבער געחאפט די ווערטער: „געבענשט זענען די, וועלכע קלא-גען, ווארין זיי וועלען געטרייסט ווערען״.. ער האט זיך פעראינטערעסירט און געלעזען דעם גאנצען אבשניט (מתי ה׳.).

פון קינדוויין אן האט מען איהם געלערנט טיעף צו רעספעקטירען גאט און די הייליגע שריפטען. ער האט געזעהען זיינע עלטערען ווייּ-נען, ווען זיי האבען יום כפור מתודה געווען זייערע זינד און האט פערגאסען הייסע טרערען ווען ער האט מיט זיי געזאגט, „מיר האבען ניט קיין בית המקדש, ניט קיין כהן גדול, ניט קיין

מזבח, ניט קיין קרבנות". ווען ער איז אלט גע-
ווען זעכצעהן יאהר, האט איהם א נייער פריינד
געצווינגען ער זאהל זיך נעמען שטודירען דייט־
שע און וועלטליכע ליטעראטור. פון יענער צייט
אן האט ער שוין געקוקט אויף זאכען וועלכע
ער האט פריהער גערעכענט פאר עיקרי אמונה
אלס אלט-מאדיש און אונגוצענד פאר געבילדעטע
מענשען. „איך האב בעקאנטשאפט געמאכט מיט
פיעלע יונגע לייט, ניט־יודען, שרייבט ער, און
ניט זיי, ניט איך האבען עפס געזארגט וועגען
איינאנדער'ס רעליגיאן, און קיינער פון אונ'
האט גאר עפס געהאט רעליגיאן." נאר דער קוק
פון שנאה, וואס ער האט פון צייט צו צייט בע־
קומען, און די קליינע קינדערליך אין די גאסען
שרייענדיג איהם נאך, „זשיד", „זשיד", האבען
איהם דערמאנט אז ער געהערט צו דער נא־
ציאן וועלכע איז געווארען „א משל און א
שפאט צווישען אלע פעלקער" (מלכים א. ט. ז)'
אזוי איז די צייט געגאנגען, בריינגענדיג אויך
צרות און קראנקהייט. דאן האט גאט אין זיין גרויס
רחמנות בעאונרוהיגט זיין געוויסען, און „ניט
קיין גוטע רעזאליוציעס, ניט קיין טעאטרען און
נאך אזעלכע אונטערהאלטונגען האבען עס גע־
קענט שטילען." איך האב דעמאלט גוט פאר־
שטאנען די ווערטער פון תהלים ל"ח, י-ט „איך
בין אנידערגעבויגט, דעם גאנצען טאג געה איך
פערשווארצט; ווארין מיינע לענדען זענען פול
מיט ברענונג און עס איז ניטא קיין גאנצהייט
אין מיין פלייש. איך בין פערשמאכט און זעהר
צושטויסען. איך האב געשריגען וועגען דער
אונרוהיגקייט פון מיין הארץ". איז עס צו
וואונדערן אז די ווערטער פון דעם בלעטעל,
אין וועלכען זיין פעקעלע איז געווען איינגעווי־
קעלט האבען געמאכט אן-אנדרוק אויף הער-
שעל-ן (אזוי איז געווען זיין נאמען). מיט עט־
ליכע טעג שפעטער, זעהענדיג א ברית חדשה
אויף-ן טיש פון א בעקאנטען, און איבער-
מישענדיג די בלעטלעך פשוט אויס נייגירדע
איז ער געקומען אויף די זעלבע ווערטער און
האט געבארגט דאס בוך. עס האט איהם שטארק
פערוואונדערט און געפעהלען" ווי ישוע הנצרי
ערקלעהרט די סבה פון זיין ברענגען זיך אלס
קרבן ביי א פערגלייך מיט דעם נחש הנחשת,
וועלכער איז אויפגעהויבען געווארען אין דער
מדבר. ווען דער איד וועלכער איז געביסען
און פערגיפטעט געווארען ביים שלאנג איז ניט
געווען אים שטאנד זיך אליין צו העלפען, האט
גאט אין זיין רחמנות אליין פערזארגט א
רפואה. דער משיח בעשטעטיגט דא, אז וואס
דער נחש הנחשת איז געווען צום פערוואונ־
דעטען ישראלי, דאס איז ער צום פערדאר־
בענעם זינדער (יוחנן י"ד־ט"ז; במדבר כ"א
ז-ט). הערשעל האט געפיהלט אַז זיין אייגענער
צושטאנד, ערפרעמדעט פון גאט, איז געווען
דער זעלבער ווי אדם און חוה'ס ווען זיי הא-
בען געזוכט זיך צו בעהאלטען פון גאט'ס פנים
(בראש. ג. ח) און אז ער ווי זיי האבען זיך
גענויטיגט אין איין רפואה, דאס הייסט פאל־
קאמען פעראייניגונג מיט דעם גרויסען, מעכ-
טיגען און שרעקליכען גאט. "ווען איך האב בע-
טראכט ווי גאט האט געפונען פאר נייטיג אז
סע זאל אונז איבערגעגיבען ווערען אין דעטאל
וואס ער האט געזאגט צום שלאנג, צו חוה'ן
און אדמ'ן און ווי יעדער ווארט וועלכעס איז
ארויסגעזאגט געווארען געגען אדמ'ן און חוה'ן
איז ערפיהלט געווארען, האב איך גערעכענט
אז זיכער, איז אויך יעדער ווארט צום שלאנג
אזוי ערפיהלט געווארען. אזוי ווי דאס ווארט
פון דעם לעבענדיגען גאט איז אמת, אזוי זיכער
מוז דער זרע האשה, צושטויסען דעם קאפ פון
דעם שטן, דאס הייסט, ער וועט אוועקנעמען
דאס שלעכטע וועלכעס דער שטן האט אריינ־
געבראכט אין גאט'ס בריאה.

נאר כדי דאס צו טהון, טענה'ט ער, מוז דער
פערשפראכענער זרע האשה בריינגען צוריק
דאס פערפרעמדטע הארץ פון מענשען צו גאט.
ער מוז אזוי ענטפלעקען גאט'ס ליבע אז עס
זאל ארויסרופען דעם מענשענ'ס ליבע צו גאט
אבער יעצט, זייט דער מענש איז געפאלען, מוז
ער ענטפלעקען אזא ליבע, וועלכע זאל זיין אין
איינשטימונג מיט גאט'ס פאלקאמענער הייליג־
קייט און דאך זיך אראפלאזען צו שולדיגע
און ווידערשפעניגע ברואים. אויב דען דער
זרע האשה זאל זיין איינער פון דער געפאלע־

נער מענשהייט, ווי אזוי זאל ער צוערשט ארויס-קומען פון יענעם צושטאנד כדי ער זאל קענען פערשטעהען די פערגיבענדע ליבע פון גאט? איז עס ניט נייטיג אז עס זאל זיין א מוכיח, א פערמיטלער, וועלכער זאל לעגען זיין האנד אוף אונז ביידע (איוב ט׳ ל״ג).

„עס איז געווען אוממעגליך צו בעהאלטען, אז איך האב געגען מיין אייגענעם ווילען גע-שילדערט דעם כאראקטער וועלכען ישוע הנצרי האט אנגענעמען. דיזע איבערצייגונגען האבען זיך מיט געוואלד אויף מיר איינגעדריקט: דער מענש איז א געפאלענע בריאה, זיין הארץ איז ביי נאטור פערפרעמדעט פון גאט. ער קען זיך אליין ניט העלפען. דער פערשפראכענער, זרע האשה, מוז זיין אַ פערמיטלער צווישען גאט און מענש; ער מוז טהייל נעמען אין דער נאטור פון ביידע, און דאך מוז ער קיין טהייל האבען אין דעם מענשענ׳ס זינד: ווי קען דאס אלעס זיין, ווען ניט- (איך האב געשווידערט פון צו צולייגען) אז גאט זאל זיך פערקערפערען אין מענשען?״

הערשעל האט צום סוף בעשלאסען אז „ישוע איז דער משיח, און דער ברית החדשה גלייך מיט דעם אלטען טעסטאמענט איז דאס ווארט פון גאט״. נאר זיין הארץ האט אלץ נאך געהאלטען זיין שנאה און פאראורטהייל. איין טאג האב איך מיך געווארפען אויף דער ערד און האב ביטער געוויינט פאר דעם הערךן, ביטענדיג איהם אז ער זאל מיר געבען צו פיה־לען וואס פולוס האט איבערגעלעבט ווען ער האט געזאגט, ״דעריבער ווייל מיר זענען גע-רעכטפערטיגט געווארען דורך דעם גלויבען האבען מיר פרידען מיט גאט דורך אונזער הערר׳ן ישוע המשיח״ (רומ. ה. א.) פלוצלים זענען דיזע ווערטער פון ישוע געקומען צו מיין געדאנק: ביז יעצט האט איהר גארניט גע-בעטען אין מיין נאמען, (יוחנן ט״ז, כ״ד). איך קען ניט בעשרייבען דעם ווידער־ווילען וועל־כען איך האב געפיהלט ווען ס-איז מיר גע־קומען. דער געדאנק אז איך זאל מתפלל זיין אין דעם נאמען פון ישוע. צום סוף בין איך געווען אים שטאנד אויסצושרייען: הארר, איך גלויב אז ישוע איז דער משיח, דער ערלעזער, און מלך ישראל, וועלכער איז פערוואונדעט געווארען פאר אונזערע איבערטרעטונגען און צושלאגען פאר אונזערע מיסעטהאטען, בז־כותו האב רחמנות אויף מיר און גיב מיר שלום!

ווי איך האב נאר אזוי מתפלל געווען, אזוי איז באלד מיין משא אוועקגענומען געווארען, און דער שלום פון גאט וועלכער איז העכער פון אלע שכליות איז אריינגעקומען אין מיין נשמה.

# טייער ווארט פון גואל

1. טייערעס ווארט פון גואל
איז שוין געשפראכען לאנג
דאך קלינגט עס תמיד זיסער
א הערליכער געזאנג.
ביסטו באטריבט, נשמה
ביסטו פון זארגען מיד,
קומט נור צו מיר באטריבטע
איך וועל אייך גיבן פריד.

הער, א, הער זיינע שטימע זיס,
ברייננ דיין זינד צו דעם גואל׳ס פיס,
קראנקעס הארץ קום צום גואל דו
קום, א, קום ער וויל דיר גיבן רוה

2. טייערעס ווארט פון גואל,
איז יעדעם טאג מיר ניי.
די זונענשטראלן לייכטען
די וואלקען געהן פארביי,
ווייל מיינע שווערע זארגען,
טראגט ער אליין פאר מיר.
גרויס איז זיין ליב און חסד
ער הערט מיין שוואכן שיר.

3. טייערעס ווארט פון גואל,
דו קלינגסט מיר עביג זיס,
דאך זיסער נאך וועט קלינגען,
דיין ווארט אין פאראדיס.
דארט וועל איך זעהן דיין שיינקייט
פנים אל פנים זעהן,
דארט וועל איך עביג זינגען,
דיין ווארט בלייבט עביג שטעהן.

מרים אוערבאך.

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# אין זאאל „בית־אל“, קישינעוו

מיעסטשאנסקאיא — (str. Wl. Herţ. 10)

## דרשות און געזאנג וועגן גאט'ס ליבע

יעדן שבת 4 א זייגער און 7 א זייגער אבענד

יעדן זונטאג 7 א זייגער

די דרשות ווערן אויך אילוסטרירט מיט ליכט־בילדער.

געזאנג מיט אקקאמפאנימענט פיסגארמאניום און אנדערע אינסטרומענטן.

אין זאאל „בית־אל“ איז אויך צו בעקומען חמשים תנ"ך, און אנדערע

רעליגיעזע ביכער אויף זשארגאן, לשן־קודש, רוסיש, רומייניש.


BCU Cluj / Central University Library Cluj


אבאנאמענטן פרייז: — יאהרליך 12 לעי, 6 חדשים 6 לעי.

אלע אבאנענטן ערהאלטן די „ציונ'ס־לידער“ אומזיסט.

פאר אנדערע שטייט מיט 1 לעי מעהר

Adresa: Redacţia „Binevestitorul“ Expediţ. N. Tarlev.

str. Vl. Herţ. 10. Chişinău—Basarabia.

Redacţia şi Administraţia: Mision. Englez. „Mildmay“, L. Awerbuch

# די רייזע קיין אמעריקע און צוריק

פון ל. און מ. אווערבאך.

(פארטזעצונג.)

ווי איך האב צוגעזאגט, ערצעהל איך יעצט ווייטער וועגען אונזער רייזע.

די ערשטע טעג האט די פובליק אויף דער שיף זיך זעהר פרעהליך געמאכט, מע האט געשפיעלט, געטאנצט, געטרונקען ביר און אנדערע משקאות, נאר נון „ער בעפעהלט אזוי שטעלט זיך אויף א שטורמווינט „ויאמר ויעמד רוח סערה”, די כוואליס גייען ארויף ביז צום הימעל און גייען אראפ צו דער טיפענים”. (תהל. קו. כ”ה־כ”ז). דעמאלט, ווי ס'ווערט טאקע געזאגט אין יענעם קאפיטעל תהלים „ווערען זיי פערוואגעלט אהין און אהער אזוי ווי א שכור, און זייער גאנצע חכמה ווערט פערשלונגען” כמעט יעדער פנים איז געווארען טרויעריג און דא און דארט האט מען געקענט זעהן קראנקע מיט דער ים־קראנקהייט. פון דעסטוועגען האבען זיי זיך דאך ניט אפגעזאגט פון זייערע פערגניגען, און האבען ווייטער געזינדיגט.

איינמאהל, אין אזא שטורמדיגען טאג, איז געווען נאך דער פראגראם אנגעצייכענט א באל־מאסקאראד. ס'האט וועה געטהון צו קוקען אויף דיזע מענשען, וועלכע מיט פערמאכטע אויגען געהן אין דיזער וועלט און אפילו אין א צייט פון אזא סכנה ווייסען זיי ניט זייער געפאהרליכען צושטאנד. איך מיט מיין ווייב זענען מתפלל געווען אין אונזער שיף־חדר און מיר האבען גאט געבעטען וועגען דער רעטונג פון דיזע אומגליקליכע מענשען. צום אבענד האט זיך דער שטורם פערגרעסערט, אבער די פארבערייטונגען צום מאסקאראד זענען דאך געגאנגען ווי געוועהנליך, און אין דער בעשטימטער צייט האט זיך אנגעהויבען די שמחה. איך האב מיך ניט געקענט בערוהיגען, זעהענדיג דאס אלעס, און עפס א קול האט מיר אונטערגעזאגט, אז איך זאל ווארנען דעם קאפיטאן וועגען די מעגליכע טרויריגע רעזולטאטען און זאל איהם עדות זאגען וועגען דעם משיח. גאט האט געגעבען דעם נצחון, און איך בין געגאנגען צום קאפיטאן. מ'האט מיר אבער געזאגט, אז מ'דארף זיך אנמעלדען נאך דער קאמאנדע. איינער פון זיינע הילפערס, אנ־עלטערער דייטש, האט מיך געפרעגט וואס איך וויל. איך האב איהם ערקלעהרט, אז איך בין א גלויביגער איד און איך וואונדער מיך, אז קריסטען (דער רוב זענען געווען דייטשען) טהוען אזעלכע זאכען אויף דער שיף און אפילו אין אזא שטורם בעטראכט מען זיך ניט און טהוען נאך ווייטער זינדיגען. איך האב געבעטען צו איבערגעבען דעם קאפיטאן מיין פארשלאג, אז אנשטאט דעם מאסקאראד, זאל מען מאכען א געבעט־פערזאמלונג. דער העלפער פון קאפיטאן האט מיר סימפאטיזירט, זאגענדיג אַז ער גופא איז אויך איינשטימיג מיט מיין מיינונג, „נאר, האט ער געזאגט, אויב מיר וועלען ניט מאכען קיין באלען, א. ז. וו. וועט די פובליק אויפהערען פאהרען מיט אונזער געזעלשאפט, דאריבער קענען מיר ניט אפלייגען דעם באל”. דאן האב איך איהם געזאגט, אז די פעראנטווארטליכקייט פאלט יעצט אויף איהם און אנדערע עלצטע. ער האט מיר פריינדליך געדאנקט פאר דער ווארנונג, אבער דער באל האט זיך געצויגען ביז ס'האט אזוי שטארק אנגעהויבען ווארפען די שיף אז מ'האט שוין ניט געקענט טאנצען, און מ'איז געווען געצווינגען אויפצוהערען.

דאך איז דער חסד פון גאט געווען אזוי גרויס, אז ער האט אפגעשטעלט דעם שטורם און די כוואליס זענען שטיל געווארען. ער וויל ניט דעם טויט פון דעם רשע נאר ער ווארטעט אז דער רשע זאל תשובה טהון (יחזק. ל”ג, י”א) נאך דעם האט גאט געהאלפען פיעלע רייזענדער זאגען וועגען דער ליבע גאטעס, פארברייטען רעליגיעזע ליטעראטור, און דעם סוב־קאפיטאן גיבען א ברית חדשה אלס אנדענק:

מעג גאט מאכען וואקסען אלעס וואס איז פערזייעט געווארען צו זיין עהרע.

(פארטזעצונג קומט.)

BCU Cluj / Central University Library Cluj

# דאס לעבען אין „בית־אל".

דעם חדש האבען מיר געהאט די פרייד צו האבען א געעהרטען גאסט. אונזער דירעקטאר פון לונדון, רעוו. ש. ה. ווילקינסאן. זיין רייפער קריסטליכער (אין אמת'ען זינן פונ'ם ווארט) כאראקטער און לאנגע עקספיריענץ האבען געמאכט זיינע דרשות, בעזאנדערס, צו דעם היינגען קרייז פון מאמינים זעהר טייער און ערבויענד. ס'איז צו פילען, אז זיין הארץ איז פול מיט ליבע צו אונזער פאלק ישראל און ער האט אונז ערקלעהרט אויף ניי גאט'ס פלאן מיט ישראל אין דעם ליכט פון די כתבי הקודש. אין איינער פון זיינע דרשות איז געווען אינטערעסאנט צו בעמערקען די אקטאוו (8 שטופען) ביי וועלכע ישראל האט זיך אראפגעלאזט פון דעם הויכען צושטאנד אלס „ממלכת כהנים וגוי קדוש ביז צו א משל און שפאט צווישען די פעלקער" ס'האט זיך אנגעהויבען פון פארגעסען

א) **מהרו שכחו מעשיו** (תהלים ק"ו, י"ג). דאס פארגעסען וואס גאט האט געטהון אין דער פערגאנגענהייט פיהרט צו אונגלויבען (אפיקורסות) זיי האבען פערגעסען... זיי האבען פערמיאוסט.. זיי האבען ניט געגלויבט (תהלים ק"ו, כ"א, כ"ד) דיזער שריט קומט אזוי ווי אומבעמערקט.

ב) **פליישליכע תאוות** „ויתאוו תאוה במדבר... (תהלים ק"ו, י"ד).

ג) **אססימיליאציע.** גאט האט אנגעזאגט ישראל וועגן די גויים וואס זיינען געווען אין ארץ־ישראל: „לא תכרת להם ברית..." (דברים ז, ב) דאס וואס דיזע גויים זענען געבליבען אין לאנד איז נאר געווען צו פרובען ישראל... „ויהיו לנסות את ישראל לדעת הישמעו את מצות יהוה אשר צוה את אבותם ביד משה" (שופטים ג' ד). ישראל האט געדארפט זיין אן-עם קדוש ליהוה (דברים ז, ו). ביסלעכווייז אבער האט ישראל אנגעהויבען צו האבען פערבינדונגען מיט דיזע פעלקער „ויתערבו בגויים וילמדו מעשיהם" (תהלים ק"ו ל"ה).

ד) **עבודה זרה.** ויעבדו את עצביהם (ק"ו, ל"ו) צוערשט וואלטען זיי זיך אפשר געווען דערשראקען פאר אזא זאך אבער יעצט איז שוין דער וועג געוועזן צוגעגרייט...

ה) **חניפה.** ויפתוהו בפיהם ובלשונם יכזבו לו (תהלים ע"ח, ל"ו) אמת'עס דינען גאט פון הארצען האט שוין אויפגעהערט, אבער די אויסערע מנהגים זענען דאך געבליבען. מ'קומט נאך אין בית המקדש, מ'ברענגט נאך קרבנות א. ז. וו. אַזוי אז דער נביא יחזקאל זאגט: „ויבואו אליך כמבוא-עם וישבו לפניך עמי ושמעו את דבריך ואותם לא יעשו... אחרי בצעם לבם הולך..."

ו) **גנבה.** ישראל הערט אויף צו גיבען מעשר און גאט זאגט דורך מלאכי הנביא אז דאס איז גנבה «היקבע אדם אלהים כי אתם קבעים אתי ואמרתם במה קבענוך? המעשר והתרומה (מלאכי ג' ח).

ז) **דאס אפענע און עטשלאסענע אויסוועהלען פון שלעכטען.** צוערשט איז נאך געווען א ביסעלע בזיון אבער מיט דער צייט זאגען זיי עפענטליך, אז זיי ווילן זינדיגען. „אמרו נואש כי אחרי מחשבותינו נלך ואיש שרירות לבו הרע נעשה" (ירמיה י"ח, י"ב).

ח) **די לעצטע מדרגה.—דאס פערווארפן פון דעם בן אלהים.**

דאס איז געווען די גרעסטע פון די פארגעענדע זיבנד דאס איז געווען דער אנהויב פון דעם לאנגען גלות וואס ציהט זיך נאך ביז יעצט. דאס איז געווען דער אנהויב און סבה פון די שרעקען, פאגראמען און שווערע ליידען פון אונזער פאלק. «יען קראתי ותמאני... גם אני באידכם אשחק..." *)

דאך ווארטעט נאך גאט און וויל מוחל זיין זיין פאלק ווען עס וועט תשובה טהון פון גאנצען הארצען.

שחתך ישראל כי בי בעזרך.
שובה ישראל עד יהוה אלהיך כי כשלת בעונך.

**י. ש. אסטרובסקי.**

---

*) ווען מ'פארגלייכט דעם אנהויב פון דעם פאלען און די לעצטע זיבגד. ווי שרעקליך איז דאס! צו ערשט נאר פארגעסן גאטס חסד, צו לעצט: פולע בלינדהייט און א גרויסע קאטאסטראפע. (רעד)

BCU Cluj / Central University Library Cluj